# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**


א מינהעג


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library

# א מינהעג

זיי האָבן ליב מיט גרויס פאראד און קנאק
פארכאפּטע אויפעס פרעסעריש פארניכטן,
נאָר עס באקומט זיי ניט קיין טראָפּן דער געשמאק,
ווען רויטארמייער וואַרעמען זיי אָן מיט ארטילעריע די געריכטן.

זיי ווערן אופגעבראכט און בייז ביז גרויל,
דאָס בלוט דאָס נאָבעלע הייבט אָן בא זיי צו יערן;
געוויס איז א געדעמפּטע גאנדז געשמאקער פון א קויל,
וואָס ס׳שיקט אין מויל צו זיי די רויטארמייערישע ארטילעריע.

וואָס קאָן מען טאָן? א מינהעג איז אזא אין לאנד —
מיט געסט מיט אומגעבעטענע באגיין זיך וואַרעם,
אז פארגעדענקען זאָלן זיי עס פלייסיק און אף לאנג,
אז מער זאָלן זיי קיינמאָל זיך אהער ניט שפּארן.

זיי זיינען צוגעווינט ארייַנגיין אין א דאָרף,
ווי נאָך א קרענק מיט גיך א וואלגער טאָן אף אלץ זיך.
נאָר עס באקומט זיי ניט דער ביסן ווי ס׳באדארף,
ווען רויטארמייער זיי די שפּייַז מיט א שראפּנעל באזאלצן.

זיי ווערן אופגעקאָכט. זיי קריכן פון דער הויט.
זיי זידלען זיך אין קאַס מיט אויסגעקרימטע מייַלער;
געוויס פארדייַעט שמאלץ געשמאקער זיך פון שרויט,
וואָס מאכט דעם מאָגן שווער און טרייַבט אף יענער־וועלט אים אייַליק...

וואָס קאָן מען טאָן? א מינהעג איז א זאך,
וואָס איז געווינט, אז אויספירן מע זאָל געטריי אים,
געדענקען זאָל מען אים, ווען צייַט פארגייט א סאך,
ב׳דערמאָנען זיך אָן אים זאָל שווער זייַן אומגעהויער.

און זיי? זיי גייען אויס נאָך א געשמאקער שפּייַז,
זיי ווערן די קאפּאָרע נאָך א פעטן ביסן.
נאָר ס׳שמעקט זיי ניט, ווען רויטארמייער גיבן זיך א ווייַז
ב׳דערלאנגען זיי די שפּייַז אף אויסגעשלייַפטע שפּיזן.

זיי לייגן זיך אף דר׳ערד מיט אזא כאָרכלענדיקן שרייַ,
זיי שרעקן מערדערלעך די גענדז באם זיך צעשיידן:
אז אויב דער רויטארמייער ט׳אין געפענקעניש ארייַן,
איז וועלן זיי אים טאָן געברענטע ליידן.

זיי וועלן זיך מיט אים באַגיינ ווי מיט די קינדער אפנ וועג,
און ערגער נאָך ווי מיט די אומשולדיקע פרויענ.
וואָס קאָן מענ טאָנ? א מינהעג הייליק איז ווי א געשלעג!
און ער האָט ליב, אז אויספירנ זאָל מענ גענוי אים!

און באַם געווער — א פאַרמאַסקירטער פונ דער זייַט
איז אלע ווייַל א רויטאַרמייער זיי מעכאַבעד
און זאָגט זיי צו: — וועסט פריר זיך איבערקערנ אפ דער צווייטער זייַט,
ביז אינ געפאַנג א רויטאַרמייער וועסטו כאַפנ!

——— ★✦★ ———

## זאָלנ ווייִנענ אינ דייַטשלאַנד די מאַמעס

1

זאָלנ וויינענ אינ דייַטשלאַנד די מאַמעס
אינ דערוואַרטונג אפ זינ פונ דעם קריג.
אינ די רוסישע שנייִקע יאַמעג
האָט דער טויט זיי אפ אייביק פאַרוויגט.

ניט קיינ טרייסט די פאַרבלוטיקטע ערד איז,
ניט קיינ טרייסט איז דער הימל אינ פלאַם,
און באַגלייט זיי אליינ האָבנ מערדערס
און געבענטשט זיי מיט מאָרד און מיט סאַם.

ס'רוישנ ווינטנ אפ קוואָרימ געהיימע,
מיט פאַרזשאַווערטע קאַסקעס פאַרדעקט, —
זיך ניט אומקערנ קייִנמאָל אהיימ מער
וועלנ רויבער, צעזייט אפנ וועג!

זאָלנ וויינענ די מאַמעס אינ דייַטשלאַנד
מיט פאַרבראָכענע איינזאַמע הענט,
ווייַל זיי האָבנ די הייליקע לייד-שאָ
פונ געבורט מיט דעם אומגליק געשענדט!

2

זאָלנ וויינענ די פרויענ אינ דייַטשלאַנד,
זאָלנ טרערנ פאַרנעפלענ דעם טאָג.
דאָס געשפענסט פונעמ טויט איז ניט ווייַט שוינ,
און די שאַרבנס פונ מענער ער טראָגט.